בס"ד. רשימת דברי כ"ק אדמו"ר שליט"א שאמר לועד
המסדר חזרת דא"ח, ביום י"א ניסן תשי"ב:

איהר זאלט איבערגעבען אלע תלמידים, די וואס זיינען דא זאלט איהר זיי זאגען בע"פ, די וואס זיינען אוועק געפארען זאלט איהר זיי שרייבן, אז זיי זאלען אויסניצען די טעג פון פסח, די טעג וואס פאר פסח, און די טעג וואס נאך פסח, מען זאל חזר'ן חסידות, ריידן דברי התעוררות, וועגען יציאת מצרים, וועגען קריעת ים סוף, אין יעדער שוהל לפי ענינה, ריידן וועגען אידישקייט, ריידן וועגען משיח'ן, יעדער איינער צו וואס ער איז מסוגל, דער עיקר איז מען זאל <u>טאן</u>.

מען זאל ניט מיינען אז וויבאלד מען איז אוועק געפארען פון דאנעט איז מען שוין פריי פון דעם, נאר יעדער איינער דארף דאס אויסנוצן במקומו.

איך וויל האבן א פרטיות'דיקן באריכט פון יעדער איינעם ווען און וואו ער האט גערעדט, דעם ערשטן טאג פסח, דעם צווייטן טאג, שבת חוה"מ פסח, שביעי של פסח, אחרון של פסח, די טעג וואס פאר פסח, און די טעג וואס נאך פסח. זיי זאלן פריער מודיע זיין וואס זיי רעכענען צו טאן, און דערנאך מודיע זיין איך וואס זיי האבען געטאן, וועל איך דערנאך וויסן פון אייך.

איהר קענט דאס איבערגעבען בשמי, כדי עס זאל זיין מעהר בזריזות.

ויתן השי"ת שיהי' בהצלחה.

= 0 = 0 = 0 = 0 = 0 = 0 = 0

- קעת -

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

- בס"ד -